- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד

### די עבודה און שמחה אין חודש אלול

- בויען די יסודות מיט א שמחה -


יו"ל ע"י

מכון שפה ברורה

שע"י חסידי קאסוב

חודש אלול שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון כט -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י ידידינו היקר שביקרים האברך החשוב
הנכבד והמפואר, איש האשכולות העושה גדולות,
ירא ושלם המוכתר בכל מעלה ותואר, בעל מדות
תרומיות מפורסם לשם ולתהלה בפי ישרים,

# כש"ת מו"ה אהרן גרויז הי"ו

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א
יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצל-
חה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים
בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

וע"י ידידינו היקר שביקרים, מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

## הרוצה בעילום שמו

לעילוי נשמת
הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן** בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו
בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו
מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

הלימוד בגליון דהלז
יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של
**מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א**
בתוך שאר חולי ישראל

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# די עבודה און שמחה אין חודש אלול

**- בויען די יסודות מיט א שמחה -**

דרשה לבחורי חמד בישיבת שערי יושר - י"ב אלול שנת תש"פ לפ"ק

## חודש אלול

מען שטייט יעצט ביים תחילת זמן חודש אלול, די זמן פון חודש אלול, טראץ וואס עס איז א קורצע זמן, איז עס אבער גאר א וויכטיגע און גרויסע זמן, מען קען אסאך אנקומען און דערגרייכן אין די קורצע זמן, מען דארף נאר וויסן און פארשטיין ווי אזוי מען דארף דאס אויסנוצן, און ווי מען דארף אנקומען.

עס איז באקאנט דער רמז וואס ווערט שוין געברענגט פון קדמונים[א], אז חודש אלול איז נוטריקון א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י (שיר השירים ו, ג), וואס איז מרמז אז עס ווערט נתעורר א געוואלדיגע נאנטקייט צווישן כלל ישראל און דער אויבערשטער, דער אויבערשטער איז משפיע פאר כלל ישראל א מורא'דיגע אהבה און חביבות. באזונדער האט עס א עקסטערע משמעות פאר בחורי קודש, וואס פאנגן אן א נייע זמן מיט א פרישקייט, מען פאנגט אן מיט א פעסטקייט און א שטארקייט, מיט א מורא'דיגע רצון צו מצליח זיין און צו נתעלה ווערן.

דעריבער פאדערט זיך פון אונז, זיך צו מתבונן זיין אביסל אין די עבודה פון די טעג, צו פארשטיין וואס דער אויבערשטער וויל פון אונז, און ווי מען דארף אריינלייגן די כוחות צו קענען בס"ד מצליח

---

**א** כמבואר באבודרהם (סדר תפלת ראש השנה ופירושה פרק א'), **פרי עץ חיים** (שער כ"ד - שער ראש השנה, פרק א'), **והובא בב"ח** (או"ח הלכות ר"ה סימן תקפ"א ד"ה והעבירו) **ועוד הרבה.**

זיין און שטייגן, און זיך גרייטן צו די ימים הנוראים וואס דערנענטערן זיך צו אונז.

## הבאת ביכורים

אין פרשת כי תבא (דברים כו, א - י"א), ווערט געברענגט די פרשה פון ביכורים, וואס די תורה באפעלט א מענטש וואס פארמאגט א פעלד אין ארץ ישראל, אז ווען עס ווערט געצייטיגט זיינע פרישע פרוכט פון די שבעת המינים, ווערט ער באפוילן ארויפצוברענגן זיינע ערשט-געצייטיגטע פירות, צו די בית המקדש.

מען טרעפט אין די תורה א באזונדערע חשיבות צו די מצוה פון ביכורים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם, ב', ד') **וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם** וגו', **וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ** וגו', דער מענטש דארף אליינ'ס אויפברענגן די ביכורים צו די בית המקדש, און עס ברענגן 'לפני ה' אלקיך', ער דארף דאס אליינ'ס ברענגן צום אויבערשטן.

אנדערש ווי ביי אלע אנדערע קרבנות וואס א מענטש ברענגט צום בית המקדש, וואס ער מוז דאס נישט אליינ'ס ארויפברענגן ער קען דאס שיקן דורך א שליח, און אפילו אויב ער קומט אליינ'ס ארויף צום בית המקדש, געבט ער דאס נאר איבער פארן כהן, און דער כהן איז דער וואס איז דאס מקריב פארן אויבערשטער. אבער דא ביי ביכורים, דארף דאס דער מענטש אליינ'ס ארויפברענגן צום ביהמ"ק, און אויב שיקט ער א שליח וועט ער נישט קענען לייענען די פסוקים, און ער דארף דאס אליינ'ס אראפלייגן פארן אויבערשטער[ב]. און אזוי אויך טרעפט מען אין חז"ל די מורא'דיגע חשיבות ווי אזוי עס איז געווען, ווי אזוי מען האט באגלייט און נאכדעם אויפגענומען אין ירושלים די

ב עיי"ש ברש"י ד"ה ולקח הכהן, שכהן מניח ידו תחת יד בעלים ומניף, וע"ע במנחות סא. וכמבואר ברמב"ם (פיה"מ מסכת ביכורים פ"ג משנה ד') וז"ל, מפורש בתורה שיהא האדם עצמו נושא הבכורים בידו לכהן שנאמר, ולקח הכהן הטנא מידך וכו', ע"כ.

אידן וואס האבן געברענגט ביכורים, פון די אנפאנג פון זייער נסיעה ביז נאך וואס מען האט געטון די גאנצע עבודה אין ביהמ"ק[ג].

נאכמער פון דעם טרעפט מען, לפי שיטת הרמב"ם[ד] איז געווען א באזונדערע שיר וואס די לוים האבן געזינגן בשעת'ן ברענגן די ביכורים, מען האט געזינגען דער קאפיטל (תהלים, ל) פון דוד המלך, 'מזמור שיר חנכת הבית לדוד', וואס איז געווען מיוחד פאר די מביאי ביכורים[ה], עס האט זיך געטון א מורא'דיגע איבערקערעניש ווען מען האט געברענגט די ביכורים, עפעס וואס מען טרעפט נישט ביי אנדערע קרבנות.

> **"וואס איז געווען די אויסטערלישע שמחה בשעת מען ברענגט ביכורים? וואס איז געווען די אויסנאם ביי ביכורים אז דער אויבערשטער האט געוואלט דער מענטש זאל אליינ'ס קומען און ארויף ברענגן זיינע געצייטיגטע פרוכט פארן אויבערשטער?"**

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז געווען די אויסטערלישע שמחה בשעת מען ברענגט ביכורים? וואס איז געווען די אויסנאם ביי ביכורים

---

ג כמבואר במשנה מסכת ביכורים פרק ג' (משנה ב' - ד'): כיצד מעלין את הבכורים כל העיירות שבמעמד מתכנסות לעיר של מעמד ולנין ברחובה של עיר ולא היו נכנסין לבתים ולמשכים היה הממונה אומר קומו ונעלה ציון אל בית ה' אלקינו. הקרובים מביאים התאנים והענבים והרחוקים מביאים גרוגרות וצמוקים והשור הולך לפניהם וקרניו מצופות זהב ועטרת של זית בראשו, החליל מכה לפניהם עד שמגיעים קרוב לירושלם, הגיעו קרוב לירושלם שלחו לפניהם ועטרו את בכוריהם הפחות הסגנים והגזברים יוצאים לקראתם לפי כבוד הנכנסים היו יוצאים, וכל בעלי אומניות שבירושלם עומדים לפניהם ושואלין בשלומם אחינו אנשי המקום פלוני באתם לשלום. החליל מכה לפניהם עד שמגיעין להר הבית הגיעו להר הבית אפילו אגריפס המלך נוטל הסל על כתפו ונכנס עד שמגיע לעזרה הגיע לעזרה ודברו הלוים בשיר ארוממך ה' כי דליתני ולא שמחת אויבי לי.

ד פ"ד מהלכות ביכורים הי"ז.

ה אולם תוספות בערכין דף יא. (ד"ה מנין) חולק ע"ז, וסובר ששיר שהיו הלוים קורים כשהגיעו לעזרה, אינו אלא לשמחה, ואינו עיקר השיר, ועיי"ש.

אז דער אויבערשטער האט געוואלט דער מענטש זאל אליינ'ס קומען און ברענגן עטליכע פון זיינע געצייטיגטע פרוכט פארן אויבערשטער?

אזוי אויך דארף מען פארשטיין, אז מען טרעפט עטליכע מאל אין די פסוקים, אז די תורה איז מדגיש אז ביכורים איז 'ראשית', עס איז די ערשט-געצייטיגטע, וואס וויל די תורה ארויסברענגן מיט דעם אז די פירות איז ראשית?

## די יסודות פארן בית המקדש

נאר ווען מען איז זיך מתבונן אין דעם קאפיטל וואס די לוים האבן געזינגען אזוי ווי מען האט אויבן געברענגט שיטת הרמב"ם אז בשעת הבאת ביכורים האבן די לוים געזינגען דער מזמור 'מזמור שיר חנוכת הבית לדוד', זעט מען א אינטערסאנטע זאך, דער קאפיטל פאנגט זיך אן מיט די ווערטער 'מזמור שיר חנוכת הבית', דוד המלך נעים זמירות ישראל, דאנקט און לויבט דער אויבערשטער אויף די חנוכת הבית, אבער למעשה שפעטער אין די גאנצע קאפיטל טרעפט מען נישט גארנישט אז דוד המלך זאל דערמאנען עפעס איבער די 'חנוכת הבית'.

עס איז ידוע, אז דוד המלך האט נישט זוכה געווען צו בויען די בית המקדש, אבער ער האט זיין גאנצע לעבן געהאפט און געגלוסט אז אפשר וועט ער יא קענען זוכה זיין צו בויען די בית המקדש, און ער האט אפגעקויפט די מקום המקדש פון ארונה היבוסי, און געגראבן די 'שיתין'[ו] און אויפדעם געבויעט די יסודות'[ז].

טראץ וואס איינער מיט א חיצוניות'דיגע בליק אנערקענט נישט די וויכטיגקייט און חשיבות פון די יסודות, דער עיקר חשיבות ביי אים איז דאס בויען די בנין און די שטאקן, וואס מען בויעט ארויף איינע נאכן

---

ו כמבואר במלכים א' פרק ח', וע"ע בגמרא מגילה דף י: מכות דף יא. זבחים דף נד. ועוד.

ז כדאיתא במדרש רבה (שיר השירים, פרשה א' אות ו') על בנו שלמה המלך, דאביו בנה את היסודות והוא בנה את העליונות.

צווייטן, אבער די יסודות וואס בלייבט פארשטעקט טיף אונטער די ערד, דאס איז ביי אים לאו דוקא פון די וויכטיגסטע און חשוב'סטע זאכן.

אבער דוד המלך האט אנדערש פארשטאנען, ער האט געוואוסט אז די יסודות דאס איז די וויכטיגסטע און חשוב'סטע זאך פונעם בנין בית המקדש, טראץ וואס דאס איז טיף אריין אין די ערד, מען קען עס נישט זען, מען זעט נאר די בנין וואס איז געבויעט העכער דעם, אבער למעשה אויף דעם האלט זיך די גאנצע בנין, דעריבער האט זיך דוד המלך אנגעשטרענגט און געבויעט די יסודות[ח].

**"אויב בויעט מען א קליינע יסוד וועט מען נישט קענען בויען אויף דעם א גרויסע און הויכע בנין, נאר אויב די יסודות זענען טיף, שטארק, און באפעסטיגט, דעמאלטס קען מען ארויפבויען אויפדעם א גרויסע בנין"**

פון דעם לערנט מען ארויס א וויכטיגע ענין וואס איז א גרויסע יסוד אין עבודת השי"ת, אז ווען עס קומט צו בויען א בנין - ווייסט יעדער איינער - אלס העכער און גרעסער מען וויל בויען, אזוי גרויס און שטארק ווען מען דארפן בויען די יסודות, ווייל אויב בויעט מען א קליינע יסוד וועט מען נישט קענען בויען אויף דעם צו א גרויסע און הויכע בנין, נאר אויב די יסודות זענען טיף, שטארק, און באפעסטיגט, דעמאלטס קען מען ארויפבויען אויפדעם א גרויסע בנין.

און דאס איז די עבודה וואס דוד המלך האט אריינגעלייגט אינעם בנין בית המקדש, ווייל דאס איז די וויכטיגסטע זאך ווען עס קומט

---

ח אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (סוטה דף ט.), דרש ר' חיננא בר פפא, מאי דכתיב (תהילים לג, א) רננו צדיקים בה' לישרים נאוה תהלה, אל תקרי נאוה תהלה אלא נוה תהלה, זה משה ודוד שלא שלטו שונאיהם במעשיהם. און חז"ל (מדרש רבה שמות פרק ל"ה, אות ה') דרש'ענען פונעם פסוק (תהלים קלז, ז), **עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ**, ערו ערו עד היסוד בה, עד עכשיו היסוד בה, עס איז געווען 'עד', אבער ולא עד בכלל, די יסודות האבן זיי נישט געקענט חרוב מאכן, היות עס איז געבויעט געווארן דורך דוד המלך.

צו בויען די הייליגן בית ה׳, אז די יסודות זאלן זיין גוט געבויעט, כדי די בנין זאל זיך קענען האלטן מיט א פעסטקייט.

דעריבער פארשטייט מען די ווערטער פון דוד המלך אינעם קאפיטל, מזמור שיר ׳חנוכת הבית לדוד׳, טראץ וואס עס איז נאכנישט געווען קיין חנוכת הבית, מען האט נאכנישט געבויעט דעם בית המקדש, און דוד המלך אליינ׳ס האט נישט זוכה געווען צו דערלעבן און זען דעם בנין בית המקדש בתפארתה, אבער די יסודות פונעם ביהמ״ק דאס האט דוד המלך יא געבויעט, און אויף די יסודות זינגט דוד המלך שירות ותשבחות, ווייל דאס איז די וויכטיגסטע זאך פונעם בנין בית המקדש.

## די יסודות ווערן געבויעט אין אנהייב

ווען בחורים קומען לערנען אין ישיבה, מען פאנגט אן א פרישע זמן, מען איז אנגעפילט מיט נייע און גוטע רצונות, מען האט באשלאסן ביי זיך מיט א שטארקע און פעסטע החלטה, אז מען וויל מצליח זיין און שטייגן מיט א שלימות, און מען איז גרייט ארייןצולייגן אלע כוחות וואס מען האט, כדי מען זאל בס״ד קענען אנקומען און מצליח זיין.

דארף מען אבער וויסן אז די ערשטע זאך וואס מען טוט ווען מען פאנגט אן די עבודה, איז דאס בויען די יסודות, דערמיט פאנגט מען אן די עבודה, און איינמאל די יסודות זענען שוין געבויעט, נאר דעמאלטס קען מען אנפאנגן צו בויען דעם בנין, וואס זאל זיך האלטן שטארק און פעסט אויף די יסודות אונטער דעם.

**״די ערשטע זאך וואס מען טוט ווען מען פאנגט אן די עבודה, איז דאס בויען די יסודות, דערמיט פאנגט מען אן די עבודה, און איינמאל די יסודות זענען שוין געבויעט, נאר דעמאלטס קען מען אנפאנגן צו בויען דעם בנין״**

און ווען עס קומט צו בויען די יסודות, בויעט זיך דאס באהאלטן, טיף אין די ערד, און מען זעט נישט די הצלחה גלייך אויפן מינוט. עס מאכט זיך אמאל א בחור וואס האט אנגעפאנגען מיט אלע זיינע כוחות און רצונות, און עס גייט אריבער

א קורצע צייט, און ער שפירט ווי ער איז נישט געשטיגן לפי ערך פון זיין חשק און זיינע כוחות וואס ער האט אריינגעלייגט, ער זעט נישט די גודל האור לויט וויפיל ער האט משקיע געווען, און דאס קען צומאל גורם זיין אז ער זאל צוביסלעך ווערן אפגעשוואכט, און עטוואס אפלאזן פון זיין עבודה, ווייל ער שפירט נישט ווי ער קומט ערגעץ אן.

**"ער שפירט ווי ער איז נישט געשטיגן לפי ערך פון זיין חשק און זיינע כוחות וואס ער האט אריינגעלייגט, ער זעט נישט די גודל האור לויט וויפיל ער האט משקיע געווען"**

אבער באמת דארף מען וויסן, אז טראץ וואס ער זעט נישט ווי ער איז געשטיגן, ער זעט נישט ווי ער איז נתעלה געווארן, אבער ער האט דא געבויעט די יסודות, ער האט זיך באפעסטיגט מיט שטארקע און וויכטיגע יסודות, וואס נישט אלעמאל זעט מען עס גלייך אין די ערשטע מינוט, אבער דאס גייט האלטן זיין גאנצע בנין, און אויף דעם וועט ער קענען שטייגן און ווייטער בויען זיין הצלחה אין תורה און אין עבודה בס"ד.

און די יסודות זענען פון די וויכטיגסטע זאכן פאר די הצלחה, ווייל אויף די יסודות, אויפדעם גייט מען בויען ווייטער, און לויט ווי שטארק די יסודות זענען, לויט דעם וועט ער קענען בויען העכער און גרעסער. און דאס איז די געוואלדיגע ענין פון ראשית, די אנפאנג פון יעדע זאך, דארט שטעקט די הצלחה, און לויט ווי שטארק עס האט זיך אנגעהויבן אזוי וועט זיין די המשך.

אזוי ווי מען זעט ווען א מענטש וויל עפעס איינפלאנצן אין די ערד, דארף ער צוערשט אריינווארפן קערעלעך אין די ערד, נאכדעם ווערט עס פארשימלט און פארדארבן, נאר נאכדעם פאנגט אן צו וואקסן א פרישע ביימעלע וואס וועט ארויסגעבן פיינע געשמאקע פרוכט.

**"די יסודות זענען פון די וויכטיגסטע זאכן פאר די הצלחה, ווייל אויף די יסודות, אויפדעם גייט מען בויען ווייטער, און לויט ווי שטארק די יסודות זענען, לויט דעם וועט ער קענען בויען העכער און גרעסער"**

ווען איינער שטייט אין די זייט, ער פארשטייט נישט וואס עס טוט זיך דא און ווי אזוי עס ארבעט, וועט מעגליך קענען טראכטן, פארוואסווארפט ער אריין גוטע קערעלעך אין די ערד? עס ווערט פארדארבן! ער מאכט קאליע די קערעלעך, און ער פארלירט עס!

אבער ווען מען ווייסט וואס עס קומט נאכדעם, אז נאכדעם וועט ארויסוואקסן שיינע גוטע פירות, פארשטייט מען מיט א זיכערקייט, אז עס לוינט זיך צו פארלירן די פאר קערעלעך, כדי עס זאל נאכדעם ארויסוואקסן די גוטע פירות. דאס איז דורכדעם וואס מען ווייסט און פארשטייט, אז כדי עס זאל ארויסוואקסן, דארף מען צוערשט טון דאס פארקערטע, מען דארף אריינווארפן און פארלירן די זרעים, כדי נאכדעם זאל עס קענען ארויסוואקסן[ט].

**"נעמען די אנפאנג, און אריינלייגן די שטערקסטע און מערסטע כוחות וואס מען קען, און טראץ וואס מען זעט נישט גארנישט, מען שפירט נישט די הצלחה, פונדעסטוועגן איז מען ווייטער ממשיך מיט די גאנצע כח"**

אבער אויב איז מען נישט גרייט צו משקיע זיין אין די ראשית, מען איז נישט גרייט צו אריינלייגן אפאר קערעלעך, און זיי פארלירן, כדי מען זאל שפעטער קענען פארדינען דערפון, וועט קיינמאל נישט קענען ארויסוואקסן קיין פירות.

און דאס איז די נקודה פון 'ראשית', צו נעמען די אנפאנג, און אריינלייגן די שטערקסטע און מערסטע כוחות וואס מען קען, און טראץ וואס מען זעט נישט גארנישט, מען שפירט נישט די הצלחה, מען שפירט נאכנישט ווי די טויערן האבן זיך געעפנט, פונדעסטוועגן איז מען ווייטער ממשיך

---

ט כמאמר חכמינו ז"ל בירושלמי (הובא בתוספות שבת לא.) אמונה זו סדר זרעים, שמאמין בחי עולמים וזורע. וביאורו המפרשים, דהטעם הוא מפני שהזריעה בלה ונתקלקלה לגמרי טרם תתחיל לצמוח ומי שזורע צריך להאמין שאינו מאבד ממונו, רק ברצון ה' מריח מים יפריח, ומפני זה כינו אמונה לסדר זרעים. ועיין עוד בגמרא תענית (ח.) דאין גשמים יורדין רק בשביל בעלי אמונה, שנאמר (תהילים פה, יב) אמת מארץ תצמח, והכוונה בזה כנ"ל, שאם אינו מבעלי אמונה, הגשמים המה לבטלה, ודו"ק.

מיט די גאנצע כח, ווייל מען ווייסט אז דורכדעם וועט מען שפעטער זייער מצליח זיין, און צום סוף וועט מען זוכה זיין צו עסן די פירות.

דערמיט פארשטייט מען פארוואס די תורה האט געגעבן א געוואלדיגע חשיבות פאר די ערשטע פריש-געצייטיגטע פירות וואס איז געוואקסן אינעם פעלד פונעם מענטש, ווייל דורכדעם וואס ער געבט אוועק זיינע ערשטע פירות, זיין ראשית, זיין אנפאנג, דאס וועט שוין נאכשלעפן און נאכברענגען אז אלעס וואס ער טוט שפעטער זאל זיין בלתי לשם לבדו, ער זאל ווייטער טון די רצון ה', ווייל אויב די יסודות זענען ריכטיג געשטעלט געווארן, די אנפאנג איז געווען גוט, וועט שוין אלעס ווייטער פארן לטובה[י].

## ושמחת בכל הטוב

אבער עס איז נישט גענוג, בלויז מיט דעם וואס דער בחור ווייסט אז ער דארף משקיע זיין און אריינלייגן גרויסע הארעוואניע אין די ראשית, עס פארהאן א גרויסע חילוק צווישן א מענטש וואס זייעט איין קערעלעך אז עס זאל ארויסוואקסן פירות, צו א בחור וואס פאנגט אן און איז משקיע אין זיינע יסודות.

ווען א מענטש זייעט איין און פלאנצט איין קערעלעך, איז עס מיט די בחינה פון 'הזורעים בדמעה' (תהילים קכו, ה), אנפאנג איז עס בדמעה, עס איז שווער, ער קרעכצט אויף די שווערע ארבעט, ער זעט נישט אין אנהייב קיין שום תועלת, ער ארבעט זייער שווער, ער פלאגט זיך אין די ביטערע היצן צו איינזייען נאך א קערל און נאך א קערל, ער טוט עס נאר ווייל ער ווייסט און גלייבט אז שפעטער וועט ער עפעס האבן דערפון, און נאר שפעטער איז עס 'ברינה יקצורו' (שם).

דאקעגן ווען עס קומט צו תורה, איז דאס אינגאנצן אנדערש, קודם כל ווייל גלייך אין אנהייב ווען ער פאנגט אן זיין ארבעט, טוט ער

---

י וראה עוד מה שהארכנו עוד בס"ד בענין ראשית הביכורים, במאמר 'דביקות און התקשרות צום באשעפער' חלק ב'.

**"עס מוז צוגיין מיט א מורא'דיגע שמחה, מיט א אויסטערלישע פרייליכקייט און צופרידנקייט, אז ער איז זוכה צו טון די רצון ה', און דאס איז א באזונדערע חיוב ווען מען טוט די רצון ה', אז מען זאל עס טון בשמחה"**

שוין אויף זייער אסאך, טראץ וואס עס שפירט עס נאכנישט, יעדע מינוט וואס ער לערנט און דינט דער אויבערשטער, שאפט עס א געוואלדיגע נחת רוח, און ער ווערט מורא'דיג דערהויבן.

אבער בעיקר איז די חילוק, אז די ארבעט מוז געטון ווערן מיט א שמחה, אויב וועט ער טון זיין עבודה מיט א בחינה פון הזורעים בדמעה, ער וועט זיך מוטשענען, ער וועט עס נישט טון מיט א שמחה, איז אפילו אויב ער איז אויפן וועג צו מצליח זיין, ער טוט אלע זאכן וואס מען דארף טון כדי צו נתעלה ווערן, פונדעסטוועגן וועט ער נישט נתעלה ווערן אויף א מורא'דיגע פארנעם.

ווען עס קומט צו תורה דארף עס צוגיין מיט 'ושמחת בכל הטוב' (דברים כו, יא), עס מוז צוגיין מיט א מורא'דיגע שמחה, מיט א אויסטערלישע פרייליכקייט און צופרידנקייט, אז ער איז זוכה צו טון די רצון ה', און דאס איז א באזונדערע חיוב ווען מען טוט די רצון ה', אז מען זאל עס טון בשמחה[יא]. און נאר אזוי קען זיך זיין קאפ עפענען, און נאר אזוי קען ער מצליח זיין צו משיג זיין גרויסע השגות און מדריגות.

און דאס איז זייער א וויכטיגע נקודה וואס מען מוז דערהערן, און עס איז זייער וויכטיג צו פארשטיין, אז די חלק השמחה פעלט זיך זייער שטארק אויס פאר הצלחה אין עבודת ה', אפילו אויב מען זעט נישט די הצלחה גלייך אויף די ערשטע מינוט, מען פארשטייט נישט

---

יא יעויין ברבינו בחיי (דברים כח, מז) עה"פ תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה, וז"ל, יאשימנו הכתוב בעבדו השי"ת ולא היתה העבודה בשמחה, **לפי שחייב האדם על השמחה בהתעסקו במצות, והשמחה במעשה המצוה מצוה בפני עצמה, מלבד השכר שיש לו על המצוה יש לו שכר על השמחה,** ועל כן יעניש בכאן למי שעובד עבודת המצוה כשלא עשאה בשמחה, ולכך צריך שיעשה אדם המצות בשמחה ובכוונה שלמה וכו', עכ"ל.

פארוואס מען דארף זיך אזוי שטארק פרייען, אבער מען דארף פארשטיין אז כדי צו בויען א גרויסע בנין, פאדערט זיך צוערשט מען זאל בויען גרויסע און שטארקע יסודות.

און ווען מען דינט דער אויבערשטער בשמחה, איז דאס א געוואלדיגע מעלה און תועלת פארן מענטש, וויבאלד דער מענטש וואס איז בשמחה און צופרידן קען ער אנגיין מיט די גאנצע שטארקייט, ער פארמאגט א שטארקע חשק און רצון צו דינען דער אויבערשטער, ער לעבט און ברענט מיט זיין עבודת ה'.

און נאר דאס געבט חיות פאר די נשמה, אזוי ווי עס איז ידוע פון פריערדיגע אז 'נשמת ישראל' איז בשרשו 'מעולם התענוג', און אויב איז מען מקיים תורה און מצות מיט א שמחה, דעמאלטס געבט די עבודת ה' א חיות און סיפוק פאר די נשמה, און דערמיט קען מען ווייטער אנגיין מיטן דינען דער אויבערשטער.

אבער אויב עס איז חלילה פארקערט, ער טוט עס מיט א אנגעשטרענגקייט, ער איז נישט בשמחה, דעמאלטס פארמאגט ער נישט די כח וואס זאל אים שטופן פאראויס, ער איז אויסגעלאשן און פארמאכט, ער רירט זיך נישט פון ארט, זיין נשמה באקומט נישט די ריכטיגע סיפוק און חיות, און אזוי איז זייער שווער צו מצליח זיין.

## פארשטיין די חשיבות העבודה

און די אופן ווי אזוי מען קען צוקומען צו א מורא'דיגע שמחה אין עבודת ה', אפילו ווען מען איז נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגה פון בויען די בנין אויף די יסודות, און נאך איידער מען זעט שוין די פירות וואס איז ארויסגעוואקסן פון די עבודה וואס מען האט משקיע געווען, איז דורכדעם וואס מען ווייסט

**"אויב איז מען מקיים תורה און מצות מיט א שמחה, דעמאלטס געבט די עבודת ה' א חיות און סיפוק פאר די נשמה, און דערמיט קען מען ווייטער אנגיין מיטן דינען דער אויבערשטער"**

> **"דער אויבערשטער איז זיך מחי' מיט די גרויסע יגיעה פון בחורי קודש, וואס זענען זיך מתייגע בד' אמות של הלכה, די אש התלהבות און די אש של קדושה, שאפט א געוואלדיגע נחת רוח פארן אויבערשטער"**

און מען פארשטייט, אז די תורה וואס מען לערנט, דאס איז די חשוב'סטע און וויכטיג'סטע זאך פארן אויבערשטער, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות ח.) אין להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה בלבד, דער אויבערשטער דארף נישט גארנישט אויפן וועלט, אויסער די ד' אמות של הלכה, פון בחורי קודש, וואס זיצן אין לערנען תורת ה'[יב].

און דאס איז די גרעסטע זאך וואס דער אויבערשטער האט היינט אויף די וועלט, און דער אויבערשטער איז זיך מחי' מיט די מורא'דיגע יגיעה פון בחורי קודש, וואס זענען זיך מתייגע בד' אמות של הלכה, די אש התלהבות און די אש של קדושה, שאפט א געוואלדיגע נחת רוח פארן אויבערשטער.

די הנאה פונעם אויבערשטן איז פון ענק בחורי קודש, וואס זיצן בין כותלי הישיבה, אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט, און פארמאגן בלויז איין מטרה און ציל צו דינען דער אויבערשטער און טוען זיין רצון, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים כז, ד), **אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ**, דאס איז די ווינקל וואס דער אויבערשטער האט אויף די וועלט.

---

יב אזוי ווי עס ווערט געברענגט באריכות אין ספה"ק בני יששכר (מאמרי חודש תמוז - אב, מאמר ה', שבעה דנחמתא, נחמה ג') אויפן פסוק (ישעיהו נד, יב) **וְשַׂמְתִּי כַּדְכֹד שִׁמְשֹׁתַיִךְ**, וזלש"ק בא"ד, הנה יש לומר זהו הבשורה שבישר השם יתברך את ישראל על ידי הנביא, ושמתי כדכד, הגם שבגלות לא היו יכולים ישראל לגרום היחוד העליון על ידי עבודת המזבח שהיא ברמז כדכ"ד היינו כ"ד פעמים כ"ד, אעפי"כ תועיל להם לגרום היחוד ד' אמות (על ד' אמות) של הלכה בלבד, בזכות זה יזכו שיקבעו בשערי ירושלים אבנים טובות גדולות וזה שמם אשר יקרא להם הש"י אז כדכ"ד לרמז היחוד העליון שגרמו ישראל על ידי ד' אמות של הלכה גם בימי עניים בגלות, וכו' עכלה"ק.

און דערמיט איז מען זוכה אז דער אויבערשטער איז צוריק משפיע א מורא'דיגע הארת פנים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג, טז), **אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע**, דער אויבערשטער איז משרה שכינתו צווישן זיי, און דער אויבערשטער עפנט אויף די טויערן און די הערצער, כדי מען זאל קענען ווייטער דינען דער אויבערשטער מיט די גאנצע שלימות.

א וויכטיגע נקודה למחשבה אין וואס יעדע מענטש דארף זיך אייביג מתבונן זיין ווען ער האלט ביים טון וואס אימער, איז וואס איז די מטרה פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און וואס וויל דער אויבערשטער איך זאל יעצט טון.

דער אויבערשטער איז דאך 'מחדש בטובו בכל יום תמיד מעשי בראשית', יעדע סעקונדע איז דא א פרישע חידוש בעולם, וואס דער אויבערשטער איז מחדש די וועלט, און געבט אריין אין איר א פרישע חיות, און עס האט זיכער א מטרה, דער באשעפער פארמאגט א מטרה פארוואס ער איז מחדש די וועלט, יעדן טאג פון דאסניי, ווייל עפעס דארף אויפגעטון ווערן יעדן טאג אויפן וועלט.

און דאס דארף שטענדיג זיין אונזער עבודה, מען דארף דינען דער אויבערשטער מיט א בחינה פון 'ראשית', מען דארף שטענדיג טראכטן וואס איז די כוונה פונעם אויבערשטער ווען ער באשאפט און איז מחיה די וועלט, וואס דארף יעצט געטון ווערן, וואס איז געווען די כוונה פונעם אויבערשטן אז עס זאל געטון ווערן אינעם היינטיגן טאג.

די וועלט איז טאקע זייער גרויס, עס געפונט זיך זייער אסאך זאכן אויפן וועלט, אבער ווען מען איז זיך מתבונן וויפיל זאכן אויפן וועלט שטימען כביכול מיט כוונת העליון? וויפיל זאכן זענען מקיים די כוונת הראשית וואס צוליב דעם האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט? און וויפיל זאכן קומען אן צו די מטרה פון תכלית בריאת הארץ? וועט מען וועט אריינטראכטן אין דעם, וועט מען זען אז זייער ווייניג זאכן קומען אן דערצו.

**"דאס איז נאר דער בחור'ל וואס געפינט זיך אין ישיבה, ער איז די סולת נקיה, דאס פארבליבענע איידעלער איד, וואס איז חרוד וירא לדבר ה', אויף אים שטייט די וועלט"**

דאס איז נאר דער בחור'ל וואס געפינט זיך אין ישיבה, און ער ווייסט ווי חשוב ער איז פארן אויבערשטער, ער איז די סולת נקיה, דאס פארבליבענע איידעלער איד, וואס איז חרוד וירא לדבר ה', און איז גרייט צו טון אלעס, און זיך איבערגעבן פאר עבודת ה', און אויף אים שטייט די וועלט.

דער אויבערשטער איז מחדש די וועלט יעדן טאג פון דאסניי, יעדן טאג איז פאראן א פרישע מטרה און תכלית אויפן וועלט, וואס ווערט נתמלא דורך דער קליינער בחור וואס געפינט זיך אין ישיבה, און קיינער פון די גרויסע וועלט, ווייסט אפילו נישט אז דער קליינער בחור'ל עקזעסטירט, אבער דאס איז דער עיקר, און דאס איז די תכלית.

ווען מען פארשטייט דאס, דארף עס צוברענגן צו א מורא'דיגע שמחה און התחזקות אין זיין עבודת ה', ווען מען פארשטייט ווי חשוב און אויסגעוועלט די עבודת ה' וואס מען טוט איז, און די שמחה ברענגט א מורא'דיגע חיות און סיפוק פאר די עבודה פונעם מענטש, צו קענען ווייטער אנגיין מיט די גאנצע כח און שטארקייט.

און די עבודה פון ענק - בחורי קודש - איז א עקסטערע און מורא'דיגע עבודה, און דערמיט איז מען זוכה צו כביכול משמח זיין דער אויבערשטער, און ווען מען איז משמח דער אויבערשטער, קען מען זוכה זיין צו מורא'דיגע מדריגות בלי ערך ובלי גבול.

אזוי ווי למשל ווען מען גייט ארויף צו א גביר בעטן א נדבה, מען פראבירט צו רעדן מיט אים, איז לויט וויפיל מען ערוועקט זיין הארץ אזויפיל געלט וועט ער געבן, אבער אויב מען איז אים משמח, מען טוט עפעס פאר אים, אדער מען געבט אים א געוויסע זאך וואס ער דארף, דעמאלטס עפנט זיך זיין הארץ אסאך ברייטער איז די נדבה איז אסאך גרעסער.

להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווען עס קומט צו עבודת ה', ווען מען איז - כביכול - משמח דער אויבערשטער, מען געבט - כביכול - פארן באשעפער עפעס וואס ער דארף, דעמאלטס איז דער אויבערשטער משפיע אסאך מער ווי מען מיינט.

## אמונה אין זיך אליינ'ס

און צו דעם קען מען נאר צוקומען אויב מען ווייסט איבער די גרויסע כוחות וואס ליגט באהאלטן אין יעדע איד, און מען גלייבט אין זיך און אין די אייגענע כוחות, אזוי ווי עס ווערט געברענגט פון צדיקים, אז כדי א מענטש זאל קענען מצליח זיין אין עבודת השם, דארף ער צוערשט אנערקענען אין זיינע כוחות, נאר נאכדעם קען ער אויסשטייגן און בליען בתורה ובעבודה.

אזוי ווי עס איז ידוע די פלאם-פייערדיגע ווערטער פון דער הייליגער רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, אין פרשת ואתחנן, אויפן פסוק (דברים ד, ט), 'השמר לך ושמור נפשך מאוד פן תשכח את הדברים אשר ראו עינך', א מענטש האט א חיוב צו וויסן און אנערקענען די כוחות וואס ער האט.

וזלש"ק: "כי האדם צריך לילך תמיד בדביקות לחשוב ברוממות אל יתברך לבחון בנפשו ובנפלאותיו אשר רואה תמיד ניסים ונפלאות ונוראים בברואיו, **וההתחלה לבא להמדרגה הזאת צריך מתחילה לחשוב בחלק הניתן לו ממעל והוא הנפש שלו מה היא ואיך היא פועלת ניסים ונפלאות**, כמ"ש בגמרא (ברכות י.) בחמשה דברים הנשמה שוה להבורא ברוך הוא וברוך שמו, **אבל כשאין יודע את עצמו הוא מחוסר ידיעה גם כן בבורא ברוך הוא כיון שאפילו עצמו הוא אינן בוחן**, וזהו השמר לך ושמור נפשך, כי אם לא תעשה כך פן תשכח את הדברים

**"וההתחלה לבא להמדרגה הזאת, צריך מתחילה לחשוב בחלק הניתן לו ממעל, והוא הנפש שלו מה היא ואיך היא פועלת ניסים ונפלאות... אבל כשאין יודע את עצמו, הוא מחוסר ידיעה גם כן בבורא ברוך הוא, כיון שאפילו עצמו הוא אינן בוחן"**

אשר ראו עיניך הם רוממות הבורא ברוך הוא שאדם רואה תמיד בעיניו הפלאת הניסים והנפלאות על כן צריך האדם להשגיח בעצמו תמיד וקל להבין", עכלה"ק.

און דאס איז פון די יסודות ההצלחה כדי א מענטש זאל זיך קענען עפענען און מצליח זיין, דורכדעם וואס ער גלייבט אין זיך, ער גלייבט אז ער איז א בעל יכולת און קען אנקומען, ער כאפט וואס ער איז, דורכדעם קען ער אנקומען צו גרויסע השגות אין רוחניות בלי ערך ובלי גבול.

## עת רצון בחודש אלול

בפרט אין די טעג פון ימי חודש אלול, וואס עס הערשט א געוואלדיגע עת רצון, איז זייער א פאסיגע צייט זיך צו מתקשר זיין און ווערן נאנט צום אויבערשטן. אזוי ווי עס איז ידוע פון פריערדיגע צדיקים זי"ע, אז די ימי הרחמים והרצון זענען פערציג טעג, פון אנפאנג חודש אלול ביז יום הקודש.

און די פערציג טעג פארמאגט אין זיך תתק"ס (960) שעות, וואס איז די שיעור לוגין אין א מקוה, און די שעות פון די פערציג טעג פארמאגט א מורא'דיגע הייליגע כח צו מקדש און מטהר זיין דער מענטש, אז דער מענטש זאל נתהפך ווערן לאיש אחר לטובה[יג].

יג וראה בספה"ק בני יששכר (מאמרי חודש אלול, מאמר א' אות ט"ו) וזלש"ק, ימי הרצון ימי התשובה הניתנים במתנה מן השי"ת לישראל עם קרובו, לטהרם מעונותיהם, כמו מקוה טהרה ויתהוו כבריה חדשה, הן המה מ' יום מראש חודש אלול עד יום הכיפורים, הנה הם תתק"ס שעות (כמנין תתק"ס לוגין במקוה), עכלה"ק.

**וע"ע** בדבריו הק' (מאמרי חודש תשרי מאמר א - מהות החודש, אות ב') וזלש"ק, ואומר לך, תִּשְׁרֵ"י עם הנקודות בגימ' תתק"ס (א"ה, והיינו שכל נקודה נחשבת ליו"ד, ובתשר"י ישנן ה' נקודות, אחת מהחירי"ק שתחת התי"ו, שנים מהשו"א שתחת השי"ן, ושנים מהציר"ר שתחת הרי"ש, וכשנצרפם לגימטריא של תשר"י יעלה למספר תתק"ס), סוד מקוה טהרה לישראל תתק"ס לוגין שיעור מקוה, כאשר כתבתי לך שיעור ביטול לבריה (על פי הירושלמי תרומות פ"י ה"ה) הוא בתתק"ס, ומנין השעות של הארבעים יום ימי רצון הם גם כן תתק"ס כאשר כתבתי

און מיט די עבודה דערגרייכט מען צום יום טוב סוכות וואס איז די ענין פון (ויקרא כג, מג) **לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם**, וואס דאס איז די נקודת הדעת, מען זאל פארשטיין און וויסן וואס מען פארמאגט, מען זאל וויסן די כוחות וואס מען האט, און וויסן וויפיל דער אויבערשטער ווארט פאר אונזער עבודה.

און ווען מען ארבעט מיט די מהלך העבודה, מיט א שמחה און א חשק, מען פארשטייט ווי חשוב אונזער עבודה איז פארן אויבערשטער, און ווי גרויס איז דער שמחה פונעם אויבערשטן ווען מען דינט אים, דעמאלטס איז מען זוכה צו א העכערע קרבת אלוקים, צו די בחינה פון חודש אלול א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, עס ווערט א געוואלדיגע אהבה און חיבה צווישן אידן און דער אויבערשטער.

פארשטייט זיך אז אין די טעג איז פארהאן די עבודה פון פחד ויראה פאר די יום הדין, אבער כידוע פונעם הייליגן אריז"ל איז די עומק העבודה אנצוקומען צו סוכות וואס דעמאלטס איז מען זוכה לישב בצילו של קוב"ה ושכינתיה און נהנה זיין מזיו שכינתו וואס עס איז נישט דא קיין גרעסערע תענוג און שמחה פאר א מענטש ווי דעם.

זאל דער אויבערשטער העלפן מען זאל קענען אויסנוצן די צייט, עס איז טאקע נישט אזא לאנגע צייט, אבער עס איז א גרויסע צייט, ווי מען קען נאנט ווערן צום אויבערשטן, דורך אויסנוצן די תתק"ס שעות, און זוכה זיין זיך צו מתקשר זיין צום אויבערשטער, און אים דינען מיט א שמחה און דורכדעם בויען די יסוד פאר א גאנץ יאר. דער אויבערשטער זאל העלפן עטץ זאלט'ס אויסוואקסן און דערגרייכן גרויסע השגות בתורה ובעבודה, מען זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, בספרן של צדיקים, א געבענטשטע יאר ברוחניות ובגשמיות, אמן.

---

בסוד מ"ש מקוה ישראל ה' (ירמיה יז, יג), מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל (יומא פה:), רצ"ל בפעולת הזמן בעצמו סגולתו לטהר כמו מקוה טהרה, ונעשה האדם כבריה חדשה, והנה לפי הדברים האלה, תשר"י הנקודות עם האותיות בגימ' תתק"ס, וכבר ידעת נקודות בבינה תשובה עלאה, אותיות במלכות תשובה תתאה, להורות ב' התשובות מצטרפים לטהר את ישראל, ראש השנה מלכות, יום הכפורים בינה, ע"כ.